Dnia 8 stycznia r. b. rozstał się z tym światem

**ś. p.**

# EDWARD ULMANN

**Inżynier Technolog**

**Naczelny Dyrektor i Członek Zarządu**

**Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Spółki Akcyjnej**

**b. Profesor Politechniki Petersburskiej**

**Kawaler Orderu Polonia Restituta.**

**W Zmarłym tracimy twórcę naszej instytucji, którego wszystkie myśli i uczynki skierowane były ku jej dobru.**

**Dzięki zdolnościom Zmarłego, niespożytej Jego energji i pracy instytucja nasza osiągnęła swój dzisiejszy wysoki poziom.**

**Cześć Jego świetlanej pamięci.**

**Zarząd i Rada Nadzorcza**

**Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego**

Spółki Akcyjnej.

67

---

Dnia 8 stycznia r. b. zmarł w wieku lat 65 Naczelny Dyrektor naszej Spółki

**ś. p.**

# EDWARD ULMANN

**Inżynier Technolog**

**b. Profesor Politechniki Petersburskiej**

**Kawaler Orderu Polonia Restituta.**

Niestrudzoną swoją pracą, cennemi radami i wskazówkami, wiecznie żywą inicjatywą stworzył tę naszą placówkę i postawił ją w rzędzie jednego z największych przedsiębiorstw w kraju.

**Cześć Jego świetlanej pamięci!**

**Dyrekcja i Prokurenci**

**ŁÓDZKIEGO TOWARZYSTWA ELEKTRYCZNEGO**

**Spółki Akcyjnej.**

Dnia 8 stycznia r. b. w drodze powrotnej do swych zajęć zawodowych zmarł w Norymberdze nasz najukochańszy naczelny dyrektor

ś. p.

EDWARD ULMANN

**Inżynier Technolog**

**b. Profesor Politechniki Petersburskiej**

**Kawaler Orderu Polonia Restituta.**

przeżywszy lat 65.

**W Zmarłym tracimy serdecznego opiekuna, dbającego o losy pracowników zarządzanej przez Niego instytucji. Pamięć o Zmarłym zachowamy w naszych sercach nazawsze.**

**PRACOWNICY**

**ŁÓDZKIEGO TOWARZYSTWA ELEKTRYCZNEGO**

**Spółki Akcyjnej.**

67

# מארש פון ארבייטסלאזע אויף פאריז

פאריז 9 (ספ. טעל.)

די קאמוניסטען קינדיגען אן אויפ'ן 12 ד.ח. א מארש פון ארבייטסלאזע אויף פאריז, אלס זא־מעלפונקט פאר דער מאניפעסטאציע איז בעשטימט געוואָרען דער פלאץ פאר דער דעפוטאטען־קאמער. צום מארש זיינען גערופען געוואָרען אויך די אר־בייטסלאזע פון דער פראָווינץ.

„ליבערטע" שרייבט, אז די פאליצײ־פרע־פעקטור וועט נישט דערלאזען צו קיין שום אר־בייטסלאזען־מאניפעסטאציעס.

## דאנציגער סענאט־פרעזידענט גרייזער ביי פרעז. מאשטשיצקי

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש)

דער פרעזידענט פון דאנציגער סענאט ה' גרייזער איז אויפגענומען געוואָרען אין ספאלא דורכ'ן מלוכה־פרעזידענט מאָשטשיצקי. דער מלוכה־פרעזידענט האָט אַרויסגעגעבען א פריהשטיק פאַרן גאַסט.

דורך קוטנא איז ה' גרייזער נעכטען אָפגע־פאָהרען קיין דאנציג.

## א נייער פארט נעבען תל־אביב

ירושלים, 9 (יט"א טעלעגראַפיש)

די ארץ ישראל רעגירונג האָט בעשלאָסען צו בויען א נייעם פאָרט, נישט ווייט פון תל אביב. דאָס וועט האבען א גרויסע בעדייטונג פאר דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון תל אביב און די אַרומיגע ישובים.

## פראנקרייך גרייט א געזעץ צו בעקעמפען אויסלענדישע ארבייטער

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון מיניסטאָרען־ראט האָט מיניסטער העריאָ פאָרגעשטעלט א בע־ריכט פון די ארבייטען איבער דער רעגולירונג פון דער פראגע וועגען בעשעפטיגען אויסלענדישע ארבייטער און וועגען קאמף מיט דער ארבייטס־לאָזיגקייט.

## אונגאריש - יוגאסלאווישער קאנפליקט זאל איצט בעטראכט ווערען דורכ'ן ראט פון פעלקער־בונד

בודאפעשט, 9 (ספ. טעל.)

היינט נאָכמיטאג איז אויסערן־מינ. קאניא ארויסגעפאָהרען קיין זשענעווא. „מאריאר ארסאג" טיילט מיט פון מאסגעבינגע קרייזען, אז דעם מיניס־טער'ס רייזע שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דער ענדגילטיגער ערלעדיגונג פון אונגאריש־יוגאסלא־ווישען קאנפליקט. די אויספאָרשונג וועגען מארסיי־לער מארד איז שוין פערענדיגט און די אונגאַרישע רעגירונג ווצט דעם בעריכט פון דער אויספאָרשונג פארשטעלען דער פעלקער־ליגע בעת דער איצטי־גער זיצונג פון ראַט.

## פינאנציעלער־מיסיע פון בראזיליאנישער רעגי־רונג פאהרט קיין אמעריקא און אייראפא

ריאָ דע זשאנייראָ, 9 (ספ. טעל.)

מאָרגען פאָהרט ארויס פון בראזיליען א ספעציעלע פינאנציעלע מיסיע פון דער בראזיל־יאנישער רעגירונג. די מיסיע ווערט געפיהרט דורכ'ן פינאנץ מיניסטער. די בראזיליאנישע מיסיע פאהרט ארויס אין די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא און קיין אייראָפא מיט'ן ציל אָנ־צוקניפען פינאנציעלע און האנדעלס בעציהונגען צווישען בראזיליען מיט אמעריקא און א רייה לענדער אין אייראָפא.

## מינ. בעק פאהרט קיין זשענעווא ענדע יאנואר — אנ'עקספאזע וועגען דער פוילישער אויסערן־פאליטיק

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספאָנדענט) נאָכ'ן צוריקקומען פון דענעמאַרק און שוועדען, האָט אויסערן־מיניסטער בעק אָפגעהאל־טען א קאָנפערענץ מיט'ן פארזיצער פון דעם סיים־קאָמיסיע פאַר אויסערן־ענינים, פירשט יאַנוש ראַד־זיוויל. נאָך דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז בעַ־וואוסט געוואָרען, אַז מינ. בעק האָט בדעה צו האַלטען פאַר דער קאָמיס'ע פאַר אויסערן־ענינים אַ'נעקספאָזע וועגען דער פוילישער אויסערן־פאָ־ליטיק.

דאָס וועט געשעהען באַלדעם, ווי מינ. בעק וועט צוריקקומען פון זשענעווע, וואוהין ער פאָהרט מאָרגען אַרויס צו דער יאַנואַר־סעסיע פון פעל־קער־בונד.

מינ. בעק וועט צוריקקומען נאָכ'ן 15. ד.ח. זיין עקספאָזע איז, אלזא, צו ערוואַרטען ענדע יאַנואַר.

נאָך דער יאַנואַר־סעסיע פון פעלקער־בונד דער וואַרט מען אין וואַרשא א וויזיט פון פינלענדישען אויסערן־מיניסטער האַקזעל.

## 15 יאהר תפיסה און פערלירען די בירגער־רעכט

### אורטייל אין מארד פראצעס אין טארנאוו

טאַרנאָוו, 9 (טעלעפאָניש)

היינט פריה האָט זיך פערענדיגט פארן גע־ריכט פון געשווארענע דער פראָצעס פון רודי־ניצקי און שותפים, וועלכע האָבען ערמאָרדעט ביילע גרינבערג און בערטא זאַלענדער און שווער פערוואונדעט יהודית ווייס און פרימעט גרינבערג.

דער טריבונאל האָט פערמשפט איגנאצי רודשיצקין אויף 15 יאָהר תפיסה, וולאדיסלאוו און בראָניסלאוו אירבאניק און פראנציששעק סקולסקי צו 14 יאָהר תפיסה יעדער. אלע פערלירען די בירגער רעכט אויף 10 יאָהר און האָבען צו בע־צאָהלען 400 זל.

(ווייטערע טעלעגראַמען לעזט 11. זייט)

נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז געשטאָרבען מיין הייסגעליבטע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעס־ליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועס־טער, שוועגערין און טאַנטע נ"ע

פייגעלע חנה באראן

אשת ר' פייוועל נ"י

(געב. גליקסמאַן, פשעדבאָרזש)

אין עלטער פון 78 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, דעם 10 יאַנואַר, 12 בייטאָג פון טרויער־הויז זשידאָווסקא (מרדכי גבאי'ס גאָס) וועגען וואָס ס'טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער ליבע שוועסטער, שוועגערין און מוהמע

נ"ע שרה (סאלא) בת ר' אביגדור מאיר ז"ל

שפערלינג

(געוואוינט וואָלטשאַנסקא 117)

די לויה קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, ד. 10 יאַנואַר 1935, 1 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער־הויז שענקעוויטשאַ 39, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

69 די איז טיפען טרויער פערבליבענע פאַמיליע.

